STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03357

BUNDISHE IDEOLOGYE IN A NAYER OYFLAGE

Raphael Mahler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. רפאל מאהלער

בונדישע אידעאָלאָגיע
אין אַ נייער אויפלאַגע

(אַן ענטפער צו משה כץ)

ISBN:0-657-03357-X

ארויסגעגעבן דורך
„פריינד פון פראָגרעסיוון ישראל"
ניו־יאָרק

DR. RAFAEL MAHLER

BUNDISHE IDEOLOGIE
IN A NAJER OIFLAGE

FRIENDS OF PROGRESSIVE ISRAEL IN AMERICA
38 West 88th Street, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

1954

דר. רפאל מאהלער

בונדישע אידעאָלאָגיע אין אַ נייער אויפלאַגע

1.

די טענות צו מיר פון משה כץ

אויף מיין אַריינפיר צו דער נייסטער יידישער געשיכטע *), וואו איך האָב געפּרואווט אָנצוצייכענען אירע הויפּט־טענדענצן, האָט משה כץ פאַרעפנטלעכט אַן ענטפער (אין „יידישע קולטור", מערץ 1954) מיט אַזאַ מין תמצית: אמת טאַקע, דר. ר. מאהלער איז אַ „פּראָגרעסיווער היסטאָריקער", „אָבער ווען עס קומט צו יידישער געשיכטע" באַנוצט ער זיך מיט „אַלגעמיינע, מאַרקסיסטיש־קלינגענדיקע טערמינען", און, וואָס איז נאָך ערגער, „זיי (די דאָזיקע טערמינען) ווערן אַ צודעק פאַר דער אַלט־באַקאַנטער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, פאַר דער באַגרינדונג פון שיבת ציון און קיבוץ גלויות".

איך האָב דעם פּאָלעמישן אַרטיקל פון משה כץ געלייענט זייער אויפמערקזאַם און געפּרואווט דערגיין, וועלכע איז דאָס די „אידעאָלאָגיע", וואָס שטימט יאָ, לויט זיין מיינונג, מיט מאַרקסיזם, אָבער אומזיסט איז געווען מיין זוכעניש: נישט בלויז האָט מ. כץ נישט אַנטקעגנגעשטעלט דער „אַלט־באַקאַנטער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע" קיין נישט־ציוניסטישן פּראָגראַם, נאָר ער האָט בכלל קיין שום לייזונג פון דער יידישער פראַגע נישט געפּרואווט אַפילו אָנצוצייכענען.

געווען אַמאָל צייטן, ווען דער „בונד", אין זיינע אייגענע אויגן „דער איינציקער פאָרשטייער", האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט, און עס איז געגוג געווען פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדע צו באַנוצן דאָס שרעק־וואָרט „ציוניזם", כדי לכתחילה צו פאַרשווערצן און פאַרמיאוסן יעדן געדאַנק וועגן דער אַלוועלטלעכער אייניקייט פון יידישן פאָלק, וועגן דער טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידישער פראַגע, און אַוודאי וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. אָבער זינט דעמאָלט האָט זיך אין יידישן לעבן עפּעס אַ ביסל געביטן, אוי, געביטן! צוויי דריטל

*) „די הויפּט־טענדענצן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער נייסטער צייט" (אַריינפיר צום בוך „נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק", דערשיינט אינגיכן אין איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק), געדרוקט אין „יידישע קולטור" נומ. 11 פון 1953 און נומ. 1 פון 1954.

פון איראָפּעאישן יידנטום, די סאַמע פּאַרוואָרצלטע און שעפערישע ישובים פון יידישן וועלט־פאָלק, זיינען אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס. דער אָפּגעראַטעוועטער רעשט פון פאָלק לעבט איבער אין אַלע לענדער, מחוץ ארץ־ישראל, דעם שווערסטן קריזיס פון זיין נאַציאָנאַלן קיום. די אַסימילאַציע פרעסט שטיקער לעבעדיקערהייט פון אָרגאַניזם פון פאָלק און גראָבט אונטער די עצם יסודות פון דער יידישער קולטור. אין דער זעלבער צייט בויט זיך אויף מיט דער גרעסטער עקשנות דאָס יידישע פאָלק אין זיין אַלטן היימלאַנד אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, אין די באַדינגונגען פון אַן אייגן פּאָליטיש לעבן, אין די ראַמען פון זיין אייגענער מלוכה. איז טאַקע אויף דעם „בונד" נישט קיין קשיא: ווי אַ ווירקנדיקער, אָרגאַניזירטער כוח פון יידישן לעבן האָט ער שוין לאַנג אויסגעהויכט די נשמה; דער בונדישער „דיבוק", וואָס ריכט אָפּ גלות אויף איסט־בראָדווייִ אונטערן שוץ פון רייכע פעטערס געזינונגס־גענאָסן, מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש דורך העץ־געשריי ביז הייזעריק ווערן קעגן דער סאָציאַליסטישער וועלט און קעגן ציוניזם. אָבער משה כץ האַלט דאָך עפּעס יאָ פון היסטאָרישער דיאַלעקטיק און וואַרפט אוודאי אָפּ אין פּרינציפּ יעדן מין ראָמאַנטיזם און דאָקטרינעריזם, וואָס פאַרלייקנט בלינד די פאַקטן פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. האָט ער זיך ווען עס איז פאַרטראַכט וועגן די אַלע איבערקערענישן אין יידישן לעבן און געשטעלט זיך די פראַגע וועגן די נייע אויפגאַבן, וואָס דער מאַרקסיזם שטעלט אַוועק אין ליכט פון דער אַזוי פונדאַמענטאַל געענדערטער יידישער ווירקלעכקייט? מ. כצס פּאָלעמיק־אַרטיקל קעגן מיר באַווייזט עס נישט.

לאָמיר זען, וואָס פאַראַ אַרגומענטן ער שטעלט אַרויס אין זיין אַרטיקל קעגן די הויפּט־טענדענצן אין יידישער געשיכטע, ווי איך האָב זיי אָנגעצייכנט.

.2

צי איז עקסטעריטאָריאַלקייט פון יידישן פאָלק אַן אויסטראַכטעניש?

„קודם־כל — לייענען מיר אין מ. כצס אַרטיקל — איז טעאָרעטיש נישט ריכטיק דער אויסדרוק וועגן דער עקסטעריטאָריאַלקייט פון דעם יידישן פאָלק. „עס קומט אויס — וואונדערט זיך מ. כץ — „ווי די יידן וואָלטן געלעבט אויסער וועלכער עס איז טעריטאָריע, ערגעץ אין דער לופטן, ניט ווי יעדער אַנדער פאָלק". דער ענין איז אָבער דאָך נישט אַזוי פשוט, ווי מ. כץ וויל אים פאָרשטעלן. יידן לעבן טאַקע נישט אין דער לופטן, (הגם „לופט־פרנסות" איז דווקא יאָ אַ באַגריף, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט

אין דער יידישער שפּראַך) אָבער דיווירקלעכקייט לאָזט זיך פּאָרט נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. והראיה, מיט דער דאָזיקער ווירקלעכקייט האָט זיך אויך מ. כץ, ווייזט אויס, נישט געקאָנט קיין עצה געבן, און שוין מיט אַ זייטל ווייטער (ז. 29) האָט ער מודה געווען, אַז, „אמת, דער צושטאַנד פון אַ מינדערהייט, וואָס לעבט נישט אויף קיין קאָמפּאַקטער טעריטאָריע און האָט ניט קיין אייגענע מלוכהשאַפט, איז אַ גרויסער שטער פאַר איר נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג...“. זיינען מיר דאָך שוין יאָ אויף אַ דרך מיט דער „עקסטעריטאָריאַלקייט“: „עקסטעריטאָריאַלקייט“ מיינט טאַקע נישט עפּעס אַנדערש, ווי די באַדינגונגען פון אַ פאָלק, וואָס לעבט „נישט אויף קיין קאָמפּאַקטער טעריטאָריע“.

מ. כץ פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ווען עס וואָלט נישט געווען קיין חילוק צווישן יידישן פאָלק ווי אַן עקסטעריטאָריאַלן פאָלק און צווישן טעריטאָריאַלע פעלקער, וואָלטן יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד באַקומען די זעלבע אויטאָנאָמיע, וואָס די אוקראַאינער, ווייס־רוסן, און צענדליקער אַנדערע פאַרשיידענע מינדערהייט־פעלקער פון דער סאָציאַליס־טישער מלוכה. און אויב עס איז גענוג דער פאַקט, וואָס „יידן לעבן אומעטום אויף באַשטימטע קאָנקרעטע טעריטאָריעס צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער“, אַבי זיי לעבן נישט אין דער לופטן, איז גאָר נישט צו פאַרשטיין, צו וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיך געהאַט אַריינגעלאָזט אין אַן ענין פון פּראָקלאַמירן די באַזעצונג פון יידן אויף אַן א־יגענער טעריטאָריע, אין בירא־בידזשאַן? עפּעס איז דאָך דער מער מיט דער עקסטעריטאריאלקייט?

אַ פאַקט איז, אַז אויף ז' 29 רעדט מ. כץ בפירוש וועגן יידן ווי וועגן אַ „נישט טעריטאָריאלער מינדערהייט“. ווי ווייט איז דאָס דער חילוק צווישן נישט־טעריטאָריאַל און עקס־טעריטאָריאַל? ממה־נפשך, אויב מ. כץ האָט זיך דאָ נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ טעות, נאָר ער געברויכט זיין אויסדרוק באַוואוסטזיניק, האָט ער נישט אויפגעבויט זיין טורעם־היוכן בנין פון פּאָלעמיק צוליב פאַרבייטן דאָס לאַטיינישע וואָרט „עקס“, אויף דעם גערמאַניש־יידישן „ניט“, נאָר זיין כוונה איז אַן אַנדערע: צו פאַרבייטן בנוגע יידן דעם באַגריף פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, אויף דעם באַגריף „מינדערהייט“, וואָס שליסט נישט איין אין זיך קיין שום „ציוניסטישע“ באַדייטונג וועגן אַ מין נאַציאָנאַלער פאַרבינדונג צווישן יידן אין די פאַרשיידענע לענדער...

אָט אין דעם גייט עס!

אין זיין ווידערווילן קעגן דעם באַגריף עקסטעריטאָריאַלקייט דערגייט מ. כץ אַזוי ווייט, אַז ער האַלט מיר אַפיר, וואָס איך רעד וועגן „פולשטענדיקן פּאַראַלעל“ צווישן די פּאַזעס אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון יידן לגבי די פּעריאָדן פון דער וועלט־געשיכטע.

צי מיינט אפשר מ. כץ, אַז אַזאַ פּאַראַלעל שטימט נישט מיט די פֿאַקטן? פֿאַראַן גרויסע טעריטאָריאַלע פֿעלקער, ווי דאָס פּוילישע פֿאָלק, דאָס רוסישע פֿאָלק, און אוודאי דאָס טערקישע אָדער דאָס אַראַבישע פֿאָלק, וואָס זייער געשיכטע פֿאַרלויפֿט נישט פֿולשטענדיק פּאַראַלעל מיט די הויפּט־תּקופֿות אין דער וועלט־געשיכטע, ווייל די דאָזיקע פֿעלקער האָבן צוליב זייער געאָגראַפֿישער לאַגע אַ לאַנגע צייט געהאַט זייער באַזונדערע אַנטוויקלונג, נישט דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון די פֿעלקער, וואָס האָבן געמאַכט וועלט־געשיכטע. יידן ווי אַן עקסטעריטאָריאַל פֿאָלק, צעזייט און צעשפּרייט אין דער וועלט, האָבן — איך ציטיר פֿון מיין אַרטיקל — אַ „געשיכטע, וואָס איז אַזוי ענג פֿאַרפֿלאָכטן מיט דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, אַז מיט רעכט איז אָנגענומען די באַצייכענונג פֿון יידן ווי אַ באַראָמעטער" — פֿון די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פֿון דער מענטשהייט, די פֿאַרקנופּטקייט פֿון דער יידישער געשיכטע מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע האָב איך, בכן, נישט אָפּגעפֿרעגט, — ווי עס קאָן מיינען דער לייענער פֿון מ. כצס קריטיק, וואָס האָט נישט געלייענט מיין אָפּהאַנדלונג. פֿאַרקערט, אויף דעם יסוד פֿון דער דאָזיקער פֿאַרקנופּטקייט, האָב איך אויפֿגעשטעלט דעם כּלל, אַז די יידישע געשיכטע—להיפּוך צו דער געשיכטע פֿון אַ טייל דערמאָנטע פֿעלקער — לאָזט זיך גאָר נישט איינטיילן אין פּעריאָדן אַנדערש, ווי נאָר פּאַראַלעל לגבי דער וועלט־געשיכטע.

אויב מ. כץ קאָן אויך דאָ נישט פֿאַרטראָגן דעם באַגריף פּאַראַלעל, קאָן עס באַדייטן נאָר איין זאַך — און דער דאָזיקער מיין דרינגט אויך אַרויס פֿון דער גאַנצער טענדענץ פֿון זיין פּאָלעמישן אַרטיקל: — עס איז גאָר נישטאָ קיין באַזונדערע געשיכטע פֿון אַ יידישן פֿאָלק, פֿאַראַן אַ געשיכטע פֿון פֿעלקער, וואָס יעדעס פֿון זיי האָט ביי זיך אויך פֿאַרמאָגט אַ „יידישע סביבה" (אויסדרוק פֿון מ. כץ).

אַזוי גלאַט און פּשוט איז עס ביי משה כצן!

3.

וועגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און וועגן דער סיבה פֿון יידישע צרות

צוזאַמען מיטן באַגריף עקסטעריטאָריאַלקייט וואַרפֿט אָפּ מ. כץ לחלוטין יעדן געדאַנק וועגן ספּעציפֿישע לעבנס־באַדינגונגען פֿון יידישן צעזייטן פֿאָלק. מיין באַהויפּטונג, אַז צייטן פֿון רעאַקציע ברענגען „טאָפּלטע דעגראַדירונג און ליידן דעם פּאָליטיש מאַכטלאָזן פֿאָלק", דינט אים ווי אַ געלעגנהייט איינצוחזרן די סברה, אַז „אין די דאָזיקע ליידן איז שולדיק נישט די כלומרשטע עקסטעריטאָריאַלקייט פֿון יידישן פֿאָלק,

נאָר זיין לאַגע ווי אַ מינדערהייט אין יעדן לאַנד, וואו עס געפינט זיך". כדי דאָס צו באַווייזן, ברענגט מ. כץ אַ ביישפּיל פון די רדיפות אויף מינדערהייטן אין צאַרישן רוסלאַנד, און קעגן די נעגער און אַנדערע מינדערהייטן אין אַמעריקע. נאָך מער, קלערט אונדז אויף מ. כץ, פון רעאַקציע לײַדן נישט בלויז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, נאָר אויך דאָס מערהייט־פאָלק.

די לעקציע וועגן די צרות, וואָס די רעאַקציע ברענגט פאַר אַלע פעלקער, און פאַר די מינדערהייטס־פעלקער בפרט, האָט זיך מ. כץ אין דער קריטיק פון מיין אָפּהאַנדלונג לייכט געקאָנט פאַרשפּאָרן, וואָרום דאָס מהות פון רעאַקציע און דאָס שייכות צווישן רעאַקציע און צווישן דער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישן פאָלק, איז דער סאַמע יסוד פון מיין פּאָליטישן אַנאַליז פון די „הויפּט טענדענצן אין דער נייסטער יידישער געשיכטע". די שטרייט־פראַגע איז נישט, צי יידן לײַדן אין צייטן פון רעאַקציע, און צי זיי לײַדן צוזאַמען מיט אַנדערע, די פראַגע איז, וועגן דער טאָפּלטקייט פון יידישע לײַדן און, וואונדער איבער וואונדער, דווקא די דאָזיקע פראַגע מיידט אויס מ. כץ צו דערמאָנען. צי זיינען די לײַדן פון יידן געווען פון זעלבן כאַראַקטער ווי די לײַדן פון אַנדערע פעלקער, אָדער האָבן זיי געטראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער, קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו? צי איז אויך אויף די פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן און אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געווען חל די שווערע גזירה פון תחום־המושב? האָט די צאַרישע מאַכט אויך אויף די דאָזיקע פעלקער אָרגאַניזירט פּאָגראָמען,—קישינעוו, אָדעס, ביאַליסטאָק, שיעדלעץ? צי זיינען אין פּעטליוראַס און דעניקינס שווידערלעכע מאַסן־שחיטות אויסגעהרגעט געוואָרן אַחוץ צענדליקער טויזנטער יידן אויך פּאָליאַקן און טאָטערן אומאָפּהענגיק פון זייער פּאָליטישער ריכטונג?

אָבער מ. כץ לאָזט אויס עפּעס מאָדנע אין זיין פּאָלעמיק נישט נאָר פּעטליוראַס פּאָגראָמען, נאָר אַפילו די אויסטערלישסטע פון אַלע קאַטאַסטראָפעס, די נאַצי־פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן יידן. עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז ער האָט עס פאַרשוויגן אויפן יסוד פון דער איבערצייגונג, אַז אויך דאָ איז נישט געווען קיין ספּעציפישער יידישער מאָמענט, אַז יידן האָבן אויך דאָ געליטן ווי אַ מינדערהייט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מינדערהייטן.

אפשר איז פאַר מ. כץ נייטיק אַן אויטאָריטאַטיווע באַשטעטיקונג, אַ באַשטעטיקונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום, וועגן דעם אויסנאַם־גורל פון יידישן פאָלק, קאָן מען זי אים ברענגען:

אין זיין היסטאָרישער רעדע אויף דער פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער יו.־ען., דעם 14טן מאַי 1947, האָט דער סאָוועטישער פאָרשטייער אַלעקסאַנדער גראָמיקאָ צווישן אַנדערע אַזוי באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט

פאַר יידן אין ארץ־ישראל: „אין דער לעצטער וועלט־מלחמה זיינען געקומען אויף דעם יידישן פאָלק ליידן און פּיין וואָס עס איז נישטאָ צו זיי קיין גלייכן און קיין ענלעכקייט (פון מיר אונטערגעשטראָכן — ד. מ.). איך זאָג אָן אַ גוזמא, אַז אַזעלכע ליידן און פּיין קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן... אין סך־הכל ווערט באַרעכנט די צאָל יידן, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצישע תליינים אין דער הויך פון זעקס מיליאָן נפשות" *). אין דער דאָזיקער רעדע האָט אָבער גראָמיקאָ נישט נאָר אונטער־געשטראָכן דעם אויסנאַם־כאַראַקטער פון דער שוידערלעכער יידישער טראַגעדיע, נאָר ער האָט אויך געמאַכט דעם אויספיר, אַז די דאָזיקע טראַגעדיע איז נאָך מער אַ באַרעכטיקונג פאַר דער פאָדערונג פון יידישן פאָלק וועגן אַן אייגענער מדינה אין ארץ־ישראל. אין גראָמיקאָס ווערטער: „דאָס אָפּזאָגן דאָס דאָזיקע רעכט דעם יידישן פאָלק קאָן נישט האָבן קיין באַרעכטיקונג, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט אַלץ וואָס עס האָט אַדורכגעמאַכט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה".

אָבער משה כץ פּילפּולט זיך נאָך אַלץ, איבער 7 יאָר נאָך גראָמיקאָס רעדע, אַלץ אין נאָמען פון מאַרקסיזם, אַז „אין די דאָזיקע טאָפּלטע ליידן איז שולדיק ניט די כלומרשטע 'עקסטעריטאָריאַלקייט' פון יידישן פאָלק, נאָר זיין לאַגע ווי אַ מינדערהייט (פון מ. כץ אונטערגעשטראָכן) אין יעדן לאַנד וואו עס געפינט זיך 'און ער באַלערנט אונדז וועגן דעם „פאַקט", — „אַז יעדער (פון מ. כץ אונטערגעשטראָכן) מינדערהייט קומט אויס צו ליידן עקסטרא צרות פון אַ הערשנדיקער רעאַקציאָנערער מאַכט".

דערביי באַמערקט גאָרנישט מ. כץ, וואָס וואַרפט מיר אַפיר דאָס באַנוצן זיך זיי „מאַרקסיסטיש קלינגענדע טערמינען", ווי ער איז זיך אויפן אָרט סותר אין זיין פּילפּול זיין אַרגומענט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז „אַ מינדערהייט אין יעדן לאַנד, וואו עס געפינט זיך", איז דאָך נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ באַשטעטיקונג דערפון, וואָס ער וויל דורכויס אָפּלייקענען, דהיינו, פון דער עקסטעריטאָריאַלקייט פון יידישן פאָלק. אַנדערע פעלקער זיינען אין אַ טייל לענדער מינדערהייטן, האָבן אָבער אויך זייער לאַנד, וואו זיי זיינען נישט קיין מינדערהייט, נאָר אַ מערהייט, אָדער פשוט גערעדט, זיי האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע; יידן זיינען אומעטום אַ מינדערהייט, און האָבן נישט קיין אייגענע טערי־טאָריע, זיי זיינען דעריבער עקסטעריטאָריאַל.

אָבער ווי קאָן מען פרעגן קשיות אויף מ. כץ, וואָס ער באַמערקט נישט דעם חילוק צווישן יידן און אַנדערע מינדערהייטן, אויב אין הייליקן אייפער פון זיין פּאָלעמיק האָט ער אַפילו פאַרגעסן אַזאַ „פּרט", ווי 6 מיליאָן פאַרפּייניקטע יידן אין איין מאַנסטער־מאַסנפאַרטיליקונג. איך זאָג בפירוש פאַרגעסן, וואָרום איך וויל גאָר נישט חושד זיין

*) מיר ציטירן די פראַגמענטן פון גראָמיקאָס רעדע און פון אַנדערע רעדעס אין דער יו.-ען. לויט דעם בוך „ברית המועצות ותקומת ישראל", אַרויסגעגעבן פון דער ליגע פאַר פריינדשאַפט צווישן ישראל און סאָוועטנפאַרבאַנד, תל־אביב, 1950.

אַ יידישן שרייבער, אַז ער האָט עס מיט אַ כוונה פאַרשוויגן, ווייל עס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין סכעמע.

„נישטאָ קיין ספּעציפישע יידישע צרה", טרייסט אונדז משה כץ, וואָרום אַפילו „טאָפּלטע ליידן זיינען דער גורל פון אַלע (אונטערגעשטראָכן פון מ. כץ) מינדערהייטן" אונטער רעאַקציאָנערע רעזשימען, והראיה, אַז אין דעמאָקראַטישע רעזשימען און מכל שכן אין סאָציאַליסטישע לענדער, „באַקומען אויך די מינדערהייט־פעלקער זייערע פולע רעכט און מעגלעכקייטן". מילא, די לאָגיק פון אַזאַ סילאָגיזם איז מסתם דער סוד פון מיין קריטיקער. ער אַליין איז דאָך מודה, אַז אין מיין אָפּהאַנדלונג האָב איך אָנגעוויזן, ווי סאָציאַליזם שאַפט אָפּ יעדן מין אונטערדריקונג און ממילא אויך די אונטערדריקונג פון יידישן פאָלק. צי דרינגט אָבער דערפון אַרויס, אַז פאַרן זיג פון סאָציאַליזם ליידן יידן נישט אַנדערש און נישט מער ווי אַלע אונטערדריקטע פעל־קער? די ספּעציפישקייט פון יידישע ליידן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט דאָך אויף אַ האָר נישט געמינערט דורכדעם, וואָס נאָכן זיג פון סאָציאַליזם ווערן יידן גלייכבאַרעכטיקט. אַ סברה, אַז מיליאָנען יידן האָבן נישט דערלעבט סאָציאַליזם און וועלן אים שוין נישט דערלעבן, ווייל עס איז שוין פון זיי קיין אָנצייכעניש נישט גע־בליבן.

דאָס וואָס מ. כץ ווערט זיך מיט אַלע כוחות קעגן דעם געדאַנק פון וועלכער נישט איז ספּעציפישקייט פון יידישע צרות, איז אָבער נישט קיין ענין בלויז אַ טעאָרעטישער: די כוונה איז אונדז צו איבערצייגן, אַז עס איז אומזיניק און רעאַקציאָנער צו זוכן אַ רפואה אויף יידישע צרות פאַרן זיג פון סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם וועט ממילא אַלץ פאַרענטפערן. גראָמיקאָ האָט נישט מורא געהאַט געשטעמפּלט צו ווערן פאַר אַ שוואַכן מאמין אין סאָציאַליזם, און אין דער דערמאָנטער רעדע האָט ער נישט פאַרטרייסט יידן, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיי אָפּגילטן פאַר אַלע זייערע ליידן, נאָר אָפן און קלאָר דערקלערט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און איבערפאָרמולירט: „דער פאַקט, וואָס קיין שום מלוכה אין מערב־אייראָפּע האָט נישט פאַרמאָגט דעם כוח צו פאַר־זיכערן די עלעמענטאַרע רעכט פון יידישן פאָלק און צו באַשיצן עס פאַר דעם אָנגריף פון די פאַשיסטישע תליינים, דערקלערט דאָס שטרעבן פון יידן צו שאַפן זייער אייגענע מדינה. עס וועט זיין אַן אומגערעכטיקייט, אויב מיר וועלן זיך נישט רעכענען מיט דעם דאָזיקן שטרעבן און אָפּזאָגן דעם יידישן פאָלק דאָס רעכט פון איר פאַרווירקלעכונג" (פון דער יידישער מדינה. — ר. מ.).

אין דער רעדע אין יו־ען פון 20טן אַפּריל 1948, האָט גראָמיקאָ, פאַרטיידיקנדיק דעם באַשלוס וועגן דער יידישער מדינה, ווידער געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַטאָנען: „די געוואַלטיקע קרבנות וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט מקריב געווען מחמת די הפקר־דיקע מעשים פון די היטלעריסטן אין אייראָפּע, שטעלן אַרויס מיט אַ באַזונדערער דרינגלעכקייט די נויטווענדיקייט, אַז יידן זאָלן האָבן זייער אייגענע מדינה, און די

גערעכטיקייט פון דער פאָדערונג, אויפצושטעלן אַ יידישע זעלבשטענדיקע מדינה אין פּאַלעסטינע".

אין ברען פון זיין פּאָלעמיק האָט משה כץ אינגאַנצן פאַרגעסן די אַלע גראַמיקאַ־רעדעס.

4.

וועגן אַסימילאַציע, אינטעגראַציע און נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג

מילא, מיט די „טאָפּלטע יידישע ליידן" האָט זיך מ. כץ ווי עס איז אַן עצה געגעבן, און געפונען פאַר זיי אַ טעאָרעטישע אויפקלערונג, אי אַ פּראַקטישע לייזונג. פאַרט אָבער נאָך עפּעס געבליבן און עס איז נאָך נישט אַלץ גלאַטיק אין יידישן לעבן. ווי קאָן מען פאַרבייגיין דעם פאַקט פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער צעפאַלונג? שטעלט טאַקע פעסט מ. כץ, אַז אַן אַסימילאַציע קומט פאָר, נישט בלויז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו עס איז נישטאָ קיין „ספּעציעלע פאַרפאָלגונגען", נאָר אויך אין סאָציאַ־ליסטישע לענדער, הגם דאָרט איז עס „אינטעגראַציע". אלא וואָס דען? „דאָס איז שוין ווידער ניט קיין ספּעציפישע יידישע צרה, נאָר אַ צרת־רבים פון יעדער (פון מ. כץ אונטערגעשטראָכן) נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וואָס האָט צוליב היסטאָרישע אורזאַכן ניט באַוויזן צו באַקומען אַלע גוטיקע סימנים פון אַ פולשטענדיקער נאַציע, דאָס הייסט אַ באַזונדערע טעריטאָריע מיט אַן אייגענער עקאָנאָמישער באַזע"... הכלל, די אַנגעווייטיקטע צרה פון אַסימילאַציע, פונקט ווי די פיזישע ליידן פון יידן אונטער רעאַקציאָנערע רעזשימען, אַלץ איז פאַרענטפערט וויסנשאַפטלעך און דווקא מאַרקסיסטיש ווי אַן אַל־געמיינע דערשיינונג, נישט קיין ספּעציפיש יידישע.

נאָר, חלילה, נישט קיין ספּעציפישקייט! — דאָס איז אַ טריף וואָרט!

צי דערמאָנט נישט די דאָזיקע שיטה פון אויפקלערונג דעם באַקאַנטן אַנעקדאָט וועגן יענעם רוסישן יידן אין צאַרישע צייטן, וואָס נאָך אַלע באַליידיקונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין ביים גובערנאַטאָר, ביז מען האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע שטיגן, איז ער אַרויסגעקומען אַ שטראַלנדיקער. קיין האָניק האָט ער טאַקע נישט געלעקט, אָבער דער עיקר, וואָס האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד און גליק, איז דער פאַקט, וואָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן „פאָ־זאַקאָנו", לויטן צאַרישן געזעץ־קאָדעקס, אין וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בקי. אויף יעדער קשיא, היתכן, פאַר־וואָס באַליידיקט, פאַרוואָס געפּאַטשט, פאַרוואָס אומווערדיק אַרויסגעוואָרפן, האָט ער געענטפערט מיט אַ פּאַראַגראַף:

„עס איז דאָ אַ זאַקאָן!"

יאָ, קאָלעגע משה כץ! „עס איז דאָ אַ זאַקאָן“, אַ געזעץ און אַ געזעצמעסיקייט! נאָר דער זאַקאָן איז טאַקע אַן אויסנאַם־זאַקאָן! אין פאַל פון יענעם יידן איז עס געווען דער אויסנאַם־זאַקאָן, דער געשריבענער און נישט־געשריבענער פון צאַרישער דעספּאָטיע, — „קראָמיע יעווריעוו“, (אַחוץ יידן), אין דעם דאָזיקן פאַל איז עס אַ זאַקאָן. אַ היסטאָריש געזעץ פון דער יידישער אויסנאַם־לאַגע, ספּעציפישקייט פון אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק. פאַראַן אַ ספּעציפישקייט פון יידישער אַסימילאַציע, פונקט ווי עס איז פאַראַן פאַר יעדן, וואָס האָט אַ זיכרון און האָט נישט פאַרגעסן דאָס שוידערלעכסטע, אַ ספּעציפישקייט פון יידישע „טאָפּלטע ליידן“.

מ. כץ איז טאַקע זייער גערעכט, די אַסימילאַציע איז „אַ טענדענץ אין דער געשיכטע פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, די יידן אַריינגערעכנט“. אין זיין סכעמאַטישקייט און דאָגמאַטישקייט האָט ער אָבער דאָ געזאָגט אַ האַלבן אמת. און נישט קיין גאַנצן אמת. דאָס יידישע פאָלק — ווי ער אַליין איז מודה, — איז אין דער „לאַגע, ווי אַ מינדערהייט אין יעדן לאַנד, וואו עס געפינט זיך“. דאָס הייסט, אַז אַנדערע פעלקער לעבן קאָמפּאַקט, יעדעס אויף זיין אייגענער טעריטאָריע, און בלויז זייערע מינדערהייטן זיינען נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף אַנדערע טעריטאָריעס. אויב פּאָליאַקן אין אַמעריקע אַסימילירן זיך, וועט דאָס פּוילישע פאָלק אין פּוילן נישט אויפהערן צו בליען און צו וואַקסן, און פּונקט אַזוי וועט ניט זיין קיין אומגליק פאַרן אוקראַיִנישן פאָלק, אויב די אוקראַיִנער, וואָס געפינען זיך מחוץ אוקראַיִנע, וועלן זיך אויסמישן אָן אַ רעשט מיט דעם רוסישן אָדער מיט דעם ווייסרוסישן פאָלק. יידן זיינען אומעטום — היינט קאָן מען שוין זאָגן צו אונדזער גליק, אומעטום אַחוץ ארץ־ישראל — אַ מינדערהייט, און אויב זיי וועלן זיך אַסימילירן, וועט קיין יידיש פאָלק נישט זיין. דאָס וואָס איז ביי אַנדערע פעלקער סתם „אַ טענדענץ“, איז ביי יידן אַ טענדענץ אַ לעבנסגעפערלעכע פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אַ נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. די צרה פון אַסימילאַציע איז נישט קיין „צרת־רבים“ (קיין אַלגעמיינער אומגליק), נאָר אַ ספּעציפיש יידישע טיפע טראַגעדיע!

אַוודאי, אויב מען פאַרשטייט געשיכטלעכע געזעצמעסיקייט מעכאַניסטיש, דעם געשיכטלעכן פּראָצעס ווי אַן ענין, צו וועלכן קלאַסן און פעלקער קאָנען זיך בלויז צוקוקן, אָבער נישט זיך אַריינמישן, איז די טענדענץ פון אַסימילאַציע ביי יידן ביי איר גאַנצער טראַגישקייט, אומפאַרמיידלעך. אויב אָבער מען פאַרשטייט די טעאָריע פון קאַרל מאַרקס, אַז „מענטשן מאַכן געשיכטע“, נישט מער, זיי מאַכן זי נישט אין דער וועלט אַריין, נאָר לויט דער עקסיסטירנדיקער לאַגע, דעמאָלט איז אויך די טענדענץ פון אַסימילאַציע ביי יידן נישט קיין היסטאָרישע גזירה, נאָר קאָן פאַרקערעוועט ווערן אין אַ פאַרקערטער טענדענץ, אַ טענדענץ פון שטעלן זיך נאַציאָנאַל אויף די פיס. מ. כץ וויל טאַקע נישט דערזאָגן, וואָס איז די פּערספּעקטיוו פון יידישן נאַציאָנאַלן

קיום, ער האַלט מן הסתם, אַז אויך דאָ קאָן ער יוצא זיין מיט אַן אַלגעמיינעם „זאָקאָן״, אַבי אויסצומיידן די ספּעציפישקייט. טרייסט ער אונדז מיט אַ גוט וואָרט: „מינדערהייטן האָבן אַ טבע צו קעמפן פאַר זייער עקסיסטענץ און צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן אַפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן — אַמאָל אפשר גראָד אונטער די שווערסטע אומשטענדן״. האָבן מיר, הייסט עס, די זעלבע פּערספּעקטיוון, אויף קיין האָר נישט קיין בעסערע, ווי אַנדערע מינדערהייטן, מיר „מוזן ווי יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט־גרופּע זיין אויסגעשטעלט צו אַסימילאַציע״. עס פעלט גאָר נישט איין אונדזער פּאָלעמיסט, אַז דווקא די ספּעציפישע טראַגישקייט פון דער יידישער אַסימילאַציע רופט אַרויס דעם נאַציאָנאַלן אַקטיוויזם, די טענדענץ צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן קיום, וואָס געפינט איר פולן אויסדרוק אין ציוניזם, אין דער שטרעבונג צו ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק מיט פעלקער גליין, און נישט בלייבן אַ מינדערהייט „אויסגעשטעלט צו אַסימילאַציע״.

די אומגעוויינלעכע אָנשטרענגונג פון יידישן פאָלק זיך צו ראַטעווען פון אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלן אומקום, איז אָבער נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלן אידעאַליזם. פאַראַן עקאָנאָמישע וואָרצלען פון יידישן קיום ווי אַ נאַציאָנאַלן קיבוץ, אויף וועלכע איך, וואָס איך אָפּעריר בלויז מיט „מאַרקסיסטיש קלינגענדיקע טערמינען״, האָב זיך דווקא יאָ אָפּגעשטעלט, אין מיין אָפּהאַנדלונג. בעת מיין קריטיקער פון שטאַנדפונקט פון מאַרקסיזם, האָט די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן נישט גענומען אין אַכט. די יידישע אַסימילאַציע איז ספּעציפיש, אַנדערש ווי די אַסימילאַציע ביי אַנדערע פעלקער, נישט נאָר צוליב דער טראַגישער אויסווירקונג פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר אויך אין אָנבליק פון באַזונדערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ביי אַנדערע „מינדערהייטן״ איז אַסימילאַציע פאַרבונדן מיט עקאָנאָמישער „אינטעגראַציע״, דער קולטורעלער אויסמישונגס־פּראָצעס און דער עקאָנאָמישער צוזאַמענגיסונג־פּראָצעס זיינען פּאַראַלעל און דערגייען ביידע ביז צום סוף. ביי יידן בלייבט די עקאָנאָמישע ספּעציפישקייט אַפילו דאָרט, וואו די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע איז שוין ווייט פאַרויסגעגאַנגען. צי וועט דען עמיץ וואַגן צו לייקענען דעם פאַקט, אַז אַפילו דער רוב אַמעריקאַנער יידן, וואָס זיינען שפּראַכלעך שטאַרק אַסימילירט, זיינען נישט עקאָנאָמיש אינטעגרירט, נאָר וויזן אויף אַ באַזונדערער עקאָנאָמישער סטרוקטור? צי זיינען אויך די נישט־יידישע אַמעריקאַנער אַ פאָלק מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט מיטלקלאַס פון סוחרים, אונטערנעמער און פּראָפעסיאָנאַלן, מיט אַ מינדערהייט אַרבעטער און מיט קוים צוויי פּראָצענט פאַרמער?

צו אַ פולשטענדיקער עקאָנאָמישער „אינטעגראַציע״ זיינען אויך נישט דערגאַנגען די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נישט געקוקט אויף דער טיפער פאַרשיידנקייט פון דער סאָציאַלער אָרדענונג, און דער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג. פאַר די סאָוועטישע יידן זיינען געעפנט געוואָרן אַלע מעגלעכקייטן און דאָך האָבן זיי זיך עקאָנאָמיש נישט אויסגעגלייכט. „די פאַרהעלטעניש צווישן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין

באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג איז איצט אומגעפער ווי 3־4״, שרייבט ל. זינגער אין זיין בוך „דאָס באַנייטע פאָלק״ (ז. 50), וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1947. צי איז אויך ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אויסגעפאַלן 3 אָנגעשטעלטע אויף 4 אַרבעטער ? דער פּראָצענט יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן געשעפט חיונה פון ערד־אַרבעט איז דערגאַנגען אין 1926 ביז 8.3 פּראָצ. (זינגער, ז. 46), אין 1939 געפאַלן ביז 5.8 פּראָצ. (דאָרט, ז. 49), און היינט, אַ סברה, גלייך נול (אַחוץ בירא־בידזשאַן) ! אויב אינטעגראַציע, ווי מ. כץ רופט עס אָן, מיינט נישט בלויז שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, דאַן האַלטן מיר אויך אין סאָוועטנפאַרבאַנד גאָר נישט אַזוי ווייט מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס. ווייזט אויס, אַז די ספּעציפישקייט פון דער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור געפינט אַפילו אין באַדינגונגען פון סאָציאַליזם נישט קיין אויטאָמאַטישע לייזונג, נאָר שטעלט אַוועק דרינגענד די אויפגאַבע פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע.

יאָ, יידן אַסימילירן זיך פונקט ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אָבער זיי מישן זיך נישט אויס, נאָר זיי בלייבן עקאָנאָמיש אומנאָרמאַל. די דאָזיקע עקאָנאָמישע אומנאָרמאַלקייט ווירקט, אַז אַסימילאַציע איז נישט בלויז אומגעוואונטשן פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט, נאָר זי פירט אויך נישט צו קיין לייזונג פון ספּעציפישן יידישן פּראָבלעם. בלייבט בלויז די צווייטע לייזונג, וואָס פאַרענטפערט אי דעם נאַציאָנאַלן קיום, אי די אויפגאַבע פון עקאָנאָמישער נאָרמאַליזאַציע, די טעריטאָריאַלע לייזונג פון יידישן פּראָבלעם. די מכלומרשט אומפאַרמיידלעכע אַסימילאַציע־טענדענץ רופט אַרויס ביי יידן דורך אירע אייגענע סתירות די פאַרקערטע טענדענץ, די טענדענץ פון נאַציאָנאַלן איבערבוי אין אייגענעם לאַנד.

יאָ, מאַרקסיסטן, אַנהענגער פון לעבעדיקן מאַרקסיזם און נישט דאָגמאַטיקער, דאָקטרינערן, מעגן און דאַרפן זיך שטעלן די אויפגאַבע סיי פון אַנטקעגנווירקן דער אַסימילאַציע און דערהאַלטן יידן ווי אַ פאָלק, סיי איבערצובויען די יידישע עקאָנאָמישע סטרוקטור, — אויפגאַבן, וואָס זיינען נישט אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער, נאָר זיינען פאַרבונדן אין איין גרויסער אויפגאַבע, אויפצובויען דאָס יידישע לאַנד. ווידער זיינען מיר דאָ אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס מיר קאָנען אַנטקעגנשטעלן דעם מאַרקסיזם אין דער יידישער פּראַגע, ווי עס פאַרשטייט אים משה כץ, מיינונגען פון טעאָרעטיקער, וואָס ווערן אויך באַטראַכט ווי מאַרקסיסטן. אָט וואָס וועגן דעם ענין האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זאָגן קאַלינין אויף דער קאָנפערענץ פון „געזערד״ דעם 17טן נאָוועמבער 1926 (אָפּגעדרוקט אין דער אויסגאַבע „יעווריי זעמליעדיעלצי״, מאָסקווע, 1927) :

„מיר זעט זיך אויס, אַז די דאָזיקע שטרעבונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ און אַ נאָך מער באַדייטנדיקן שיכט פון דער יידישער אָרעמקייט, דהיינו די שטרעבונג צו באַזעצן זיך אויף ערד,

האָט הינטער זיך קודם־כל אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט, דעם פאַרלאַנג אַזוי צו אַנדערש צו באַפעסטיקן די אייגענע עקאָנאָמישע באַזע *). אָבער איך מוז זאָגן, אַז ווען מיר גייען צו צו דער דאָזיקער פראַגע פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, בין איך על כל פנים מודה, אַז הינטער דער דאָזיקער שטרעמונג צייכנט זיך אָן אַ מעכטיקע מאַסן־דער־שיינונג, אַן אומבאַוואוסטזיניקע, די שטרעמונג צו דערהאַלטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט (דאָרט, זז. 9־10). — — — פאַר דעם יידישן פאָלק שטייט די גרויסע אויפגאַבע פון אויפהיטן זיין נאַציאָנאַליטעט און פאַר דעם (צוועק) קאָן מען איבערפירן אַ באַדייטנדיקן טייל פון יידישן ישוב אין אַ באַזעצטן קאָמפּאַקטן ישוב פון פויערים און ערד־אַרבעטער (דאָרט, ז. 12)".

וועגן דער זעלבער אויפגאַבע פון אויפהיטן די יידישע נאַציאָנאַליטעט רעדט קאַלינין דעם 28טן מאַי 1934 פאַר די אַרבעטער פון מאָסקווער פאַבריקן אין שייכות מיט דער באַדייטונג פון פראָקלאַמירן בירא־בידזשאַן אַלס אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט. בירא־בידזשאַן דאַרף לויט זיין מיינונג ווערן „דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור. מאָסקווע צ. ב. קאָן ניט אויפהיטן קיין נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן... איצט זאָפּט אין זיך בירא־בידזשאַן איין, פון איין זייט, די יידישע מאַסע, יענע יידן, וואָס שטרעבן צו אַ בעסער לעבן, און ווילן אויפהיטן זייער נאַציאָנאַליטעט... פון דער צווייטער זייט פאַרמירט בירא־בידזשאַן גלייכצייטיק די יידישע נאַציאָנאַליטעט. אין דער בירא־בידזשאַנער אויטאָנאָמער געגנט וועט זיך אַנטוויקלען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע בויאונג און גלייכצייטיק אויך אַן אמתע סאָציאַליסטישע יידישע קולטור, און די, וועמען דאָס איז טייער, וועמען ס'איז טייער אויך אַזאַ יידישע נאַציאָנאַלע קולטור... דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט בירא־בידזשאַן און אים העלפן..." („יידן אין פ. ס. ס. ר.", מאָסקווע 1935, זז. 32, 33, 34).

אַריבער 28 יאָר זינט קאַלינינס ערשטער רעדע און 20 יאָר זינט זיין צווייטער רעדע וועגן דער אויפגאַבע פון אויפהאַלטן די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור און גלייכצייטיק איבערבויען דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן. אָבער פאַר קאָלעגע מ. כץ איז, ווייזט אויס, דער היסטאָרישער זייגער געבליבן שטיין ביי דער בונדישער אידיליע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואו באַזונדערע פראָבלעמען פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן האָט מען געלייקנט שטיין און בייק, און אין דער פראַגע פון אַסימילאַציע האָט מען פראָקלאַמירט קאַטעגאָרישע נייטראַליטעט: „ווי גאָט וועט געבן"...

*) אַלע אונטערשטרייכונגען אין די רעדעס פון קאַלינין, זיינען געמאַכט געוואָרן פון מיר — ר. מ.

5.

שיבת־ציון אַ היסטאָרישע טענדענץ, אָדער „אַ רעליגיעזער ריטואַל״?

משה כץ קאָן זיך גאָר נישט אָפּוואונדערן, ווי אַזוי איך האָב גאָר געקאָנט געפינען עפּעס „אַן אַלגעמיינע אַנטוויקלונג־טענדענץ״, „אַ גלייכונג־ליניע״, „ביי אַ פאָלק, וואָס זיינע פאַרשיידענע טיילן האָבן געלעבט און לעבן אונטער אַזעלכע פאַרשיידענע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטור־באַדינגונגען״... ער וואונדערט זיך אַזוי ווייט, אַז ער ווילצלט זיך ווענן אַ דורכשניט צווישן העלפאַנטן און בלייפעדערן... אַ שאָד בלויז, וואָס איידער מ. כץ האָט באַשלאָסן זיך צו ווילצלען, האָט ער זיך נישט דערטראַכט צו אַזאַ גאָר נישט פריילעכער „גלייכונג־ליניע״ ווי יידישע באַדנלאָזיקייט אין אַלע לענדער אָן אַן אויסנאָם, און האָט נישט באַמערקט אַזאַ אָנגעווייטיקטע אַלגעמיינע טענדענץ, ווי שטייגנדע דעקלאַסירונג און דעפּראָלעטאַריזאַציע פון יידן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און דעפּראָדוקטיוויזאַציע אין אַלע טיילן פון דער צעשפּאָלטענער וועלט. וואָלט ער זיך נאָך אַ ביסל געוועז פאַרטראַכט, וואָלט ער אפשר אויך געפונען פּאָזיטיווע דערשיינונגען פון אַלגעמיינע טענדענצן ביי יידן אין פאַרשיידענע לענדער, ווי, למשל, השכלה־באַוועגונג פון האָלאַנד און פראַנקרייך אין מערב איבער דייטשלאַנד און גאַליציע ביז פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, אָדער, למשל, איין און די זעלבע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַרקניפּט און פאַרבונדן צווישן זיך פוןביידע זייטן אָקעאַן, אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אין פּוילן, רומעניע און רוסלאַנד.

אָבער לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיינער טענדענץ אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי מ. כץ די גרעסטע שטויכונג און שאַרפסטע קעגנערשאַפט, „דאָס היסטאָרישע שטרעבן צו שיבת־ציון״. סטייטש, פרעגט מיין קריטיקער, וואו איז די דאָזיקע שטרעבונג, אויב זי „האָט זיך ניט אויסגעדריקט ניט אין מעשים, ניט אין ווערטער?״ פונדעסטוועגן איז אָבער מ. כץ פאָרט אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אין זיך עפּעס איינגעזאַפּט פון יידישער טראַדיציע און ער ווייס, אַז צווישן די לייענער געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס די דאָזיקע טראַדיציע איז זיי נישט אינגאַנצן פרעמד. פאַרשטייט מ. כץ, אַז די פּאָזיציע פון אַ דורכאויסיקן כופר הכל וועט קיינעם נישט איבערצייגן, האָט ער פאָרגעצויגן די טאַקטיק פון אַ מודה במקצת, פון מודה זיין אין עפּעס, כדי צו באַווייזן, אַז דאָס דאָזיקע עפּעס איז אויך גאָרנישט מיט גאָרנישט.

און אָט איז די הנחה, וואָס ער מאַכט:

„געוויס, פֿרומע יידן האָבן אין זייערע תּפֿילות געהאַט ווערטער און פּסוקים וועגן ציון און ירושלים, וועלכע זיי האָבן איבערגעחזרט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. אָבער די דאָזיקע ווערטער זיינען געווען בלויז אַ טייל פֿון דעם רעליגיעזן ריטואַל און ניט קיין אויסדרוק פֿון אַ וועלכער עס איז רעאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער 'טענדענץ' צו שיבת־ציון. געוויס זיינען אין פֿאַרשיידענע צייטן געווען ביי יידן דיכטער און טרוי־מער, וואָס האָבן באַזונגען ציון און אַפֿילו 'געבענקט' אַהין. אָבער אַחוץ דעם, וואָס זיי זיינען געווען אויסנאַמען אין יידישן לעבן, זיינען זייערע טרוימען און לידער געווען אַ רעזולטאַט ניט פֿון אַ רעאַלן שטרעבן צו באַזעצן זיך צוזאַמען מיטן פֿאָלק אין ארץ־ישראל, נאָר אַ סענטימענטאַלער אָפּקלאַנג פֿון די אַלטע תּפֿילות, אָדער אַן אָפּרוף אויף די פֿאַרפֿאָלגונגען און צרות, פֿון וועלכע זיי האָבן געליטן אין זייערע לענדער".

אַזוי שרייבט זיך משה כץ.

לאָמיר טאַקע זיך אָפּשטעלן אויף די דערשיינונגען, וועלכע אַפֿילו אונדזער פּאָלעמיסט האָט נישט געקאָנט אויסמיידן זיי צו דערמאָנען און זען, צי זיי האָבן גאָר־נישט און טאַקע לחלוטין גאָרנישט אויסגעדריקט, קיין שום היסטאָרישע שטרעבונג. לאָמיר אָנהייבן פֿון די דיכטער מיט אַ ריכטיקשטעלונג פֿון פֿאַקטן. נישט „אין פֿאַר־שיידענע צייטן", און נישט ווי „אַן אויסנאַם אין יידישן לעבן", נאָר אין אַלע צייטן אָן אַן אויסנאַם ביז צו דער תּקופֿה פֿון אַסימילאַציע האָבן די יידישע דיכטער אַלע אָן אויסנאַם באַזונגען ציון און געבענקט אַהין. און ווייל זיי זיינען נישט געווען באַ־שאַנקען מיט אַזאַ קולטור ניכטערקייט ווי דער חשובֿער שרייבער משה כץ, האָבן זיי געבענקט ממש, אָן 'גענדזנפֿיסלעך', וואָס ער האָט זיי פֿאַרזיכטיק צוגעשטעלט. זאָל זיך פֿריינד משה כץ מטריח זיין און בלויז איבערקוקן, אויב ער האָט נישט קיין צייט צו לייענען, די אַנטאָלאָגיע פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע („מבחר השירה העברית"), פֿון דער פֿאַרענדיקונג פֿון תּנ"ך ביז צום גירוש שפּאַניע, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן אין יאָר 1922 די צוויי ליטעראַטור־פֿאָרשער חיים בראָדי און מאיר ווינער. איך האָף נישט, חלילה, אַז ער וועט דערפֿון געריירט ווערן ביז אין די טיפֿענישן פֿון זיין האַרצן; די ציון־לידער פֿון יהודה הלוי, וועמענס האַרץ האָט געפּלאַצט פֿון פֿרייד און ליבע, ווען ער האָט געקושט די שטיינער פֿון ארץ־ישראל, וועלן פֿאַר כּצן ווייטער נישט האָבן קיין אַנדער ווערט, ווי „אַ סענטימענטאַלער אָפּקלאַנג", און אוודאי וועט ער נישט נתפּעל ווערן מער פֿון אַנדערע „סליחות" פֿון האַרץ־דערשיטערנדיקן געוויין פֿון דעם דיכ־טער אמתּי בן שפֿטיה, וואָס האָט געדיכטעט אין דרום־איטאַליע מיט טויזנט יאָר צוריק:

„איך דערמאָן זיך, אָ, גאָט, און עס יאָמערט מיר דאָס האַרץ,
בעת איך זע יעדע שטאָט אויפֿגעבויט אויף איר פּלאַץ,
און גאָטס שטאָט איז דערנידעריקט אין שאול תּחתּית...

כדאַי אָבער אַפּילו פֿאַר משה כצן, וואָס נעמט זיך נישט איבער מיט אַזעלכע „סענטימענטאַלע אָפּקלאַנגען“, פֿעסטצושטעלן צוליב היסטאָרישער פּינקטלעכקייט: די צוזאַמענשטעלער פֿון דער אַנטאָלאָגיע האָבן נישט געוואוסט, אַז זייער זאַמלונג קאָן אַמאָל אויסגענוצט ווערן אין אַ פּאָלעמיק וועגן „טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע“, און מחמת מאַנגל אין פּלאַץ זיינען אַ סך דיכטער רעפּרעזענטירט נישט מער ווי מיט איין ליד. פֿונדעסטוועגן איז זעלטן צו געפֿינען צווישן די עטלעכע און אַכציק דיכטער פֿון דער זאַמלונג, וואָס האָבן געשאַפֿן אויך אויף פֿאַרשיידענע מאָטיוון, ווי ליבע, פֿריינדשאַפֿט, ווייַן, איינעם אַזאַ, וואָס זיינס אַ ציון־ליד ווערט נישט געבראַכט ווי אַ מוסטער פֿון זיין בעסטער שאַפֿונג.

דער ערשטער דיכטער פֿון דער זאַמלונג, שמעון בן סירא (אַרום 200 יאָר פֿאַר קריסטוס) בעט גאָט אין זיין געבעט־ליד:

„דערנענטער דעם קץ און באַפֿעל די באַשטימטע צייט — —
זאַמל איין אַלע שבטים פֿון יעקב — — —
און זאָל זיך באַזעצן אויף זיין אַרב ווי אין אַמאָליקע טעג
ישראל, וואָס האָסט אים אָנגערופֿן דיין בכור — — —

זעכצן הונדערט יאָר שפּעטער, אין פֿופֿצנטן י״ה, באַזינגט איינער פֿון די לעצטע דיכטער פֿון דער זעלבער אַנטאָלאָגיע, דער געלערנטער ר׳ שמעון בן צמח דוראַן „דאָס גלוסטיקע לאַנד“ (ארץ חמדה), און דאָס ליד קלינגט אויס אין די לעצטע פֿערזן כמעט ווי אַ ווידערקול פֿון שמעון בן סירא׳ס ווערטער:

„דערנענטער די צוקונפֿט צום פֿאָלק, וואָס איז געזעטיקט מיט פֿאַראַכטונג — — —
קער איבער מיין טרויער אין פֿרייד, באַווייז זיך ווי אַ גואל צו ציון
זאַמל איין די פֿאַרשטויסענע — — —
דער קץ וואָס נאַרט נישט אָפּ — צו אים האָף איך אין מיין געפֿאַנגענשאַפֿט,
צו דער באַשטימטער צייט פֿון ישועה — און ווען זי זאָל זיך אויך פֿאַרשפּעטיקן און פֿאַרזוימען!

דאָס איז דער שפּיגל פֿון דער העברעאישער דיכטונג ביז צום סוף מיטלאַלטער. ווי אַ דערגאַנצונג וועגן די טענדענצן אין דער העברעאישער דיכטונג אין דער נייסטער צייט, רעקאָמענדיר איך קאָלעגע משה כץ אַן „אַנטאָלאָגיע פֿון דער העברעאישער דיכטונג אין איטאַליע“ (מבחר השירה העברית באיטליה), צוזאַמענגעשטעלט פֿון חיים שירמאַן און אַרויסגעגעבן אין 1934. אין איטאַליע זיינען יאָ געווען „די באַדינגונגען

פאַר אַ פרייערן לעבן״, וועגן וועלכע עס רעדט מ. כץ, און אַוודאי זיינען געווען אַזעלכע באַדינגונגען „נאָך די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס״, ווי ער באַצייכנט עס, און דאָך האָבן די יידישע דיכטער אויך אין דער גייסטער צייט נישט געפאָלגט משה כצן און נישט „אָפגעזאָגט זיך פון חלומות וועגן ציון״. אַט, למשל, יצחק וויטא מוסאטי פון אַנקאָנאַ, וואָס האָט נאָך געשאַפן אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָן, האָט אַזוי אויסגעדריקט זיינע געפילן „צום פאַרענדיקן דעם בנין פון מיין הויז״:

„אויפגעבויט און אויפגעשטעלט האָב איך דאָס הויז פאַר די זין מיינע,
אָבער דאָס בויען אין דער שטאָט פון פרעמדע האָט איבערגעביטן מיין ווילן,
וואָרום איבער אַלע פריידן און גוטס פון מעדנים
אויב איך פאַרגעס דיך ירושלים זאָל אָפטריקענען מיין רעכטע האַנט —

הלל די לא טורי פון פיעמאָנט (געשט. 1871) חוזקט אין זיין סאַטירישן ליד „הדור הזה״ פון די אַסימילאַטאָרן:

„ווי וועלן מיר זיין באַוווליקט ביי די זין פון אונדזער וואוינלאַנד — — —
אויב פאַרגעסן וועלן מיר נישט דאָס לאַנד, וואָס פאַרלאָזט האָבן מיר! —

די רעפלעקסיעס ביים טריאומף־טויער פון טיטוס, פון דעם לעצטן דיכטער פון דער זאַמלונג, יצחק חיים קאַסטיליאַני (געשט. 1911) וועלן מיר שוין צוליב פאַרזיכטיקייט נישט ציטירן, ווייל ער האָט נאָך באַוויזן אויף דער עלטער צו שרייבן אַ טרויער־ליד אויף דעם טויט פון טעאָדאָר הערצל...

לאָמיר אָבער אַריבערגיין צו דער פראַגע פון „תפילות פון פרומע יידן״. אויב משה כץ האָט שוין טאַקע פאַרגעסן דאָס „דאָווענען״, זאָל ער זיך הייסן ווייזן אין דער ביבליאָטעק אַ סידור, צי אַ מחזור, נישט קיין חילוק פון וועלכן נוסח, ספרד צי אשכנז, אָבי נישט קיין רעפאָרמירטן „געבעט־בוך דער איזראַעליטן״. נישט בלויז „ווערטער און פסוקים וועגן ציון און ירושלים״ וועט ער דאָרט געפינען, נאָר ער וועט זען, צו זיין גרויסער שטוינונג, אַז תפילות וועגן אויפריכטונג פון ציון און ירושלים און וועגן איינזאַמלונג פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד, זיינען דער עיקר אינהאַלט. קאָן זיין, אַז די „יוצרות״, געשריבן, צווישן אַנדערע, דורך די גרעסטע יידישע דיכטער פון מיטל־אַלטער, וועלן אים אויסקומען צו יום־טובדיק און די קינות צו אבלדיק, אפשר איז אויך צו שבתדיק דאָס געבעט־ליד פון שלמה אלקבץ „לכה דודי״, וואָס אָטעמט מיט משיחישער בענקשאַפט, און וואָס היינע האָט באַטראַכט פאַר אַ פּערל פון יידישער ליריק. זאָל זיך דעריבער מיין קריטיקער באַגנוגענען מיט איבערלייענען די וואָכע־

דיקע שמונה־עשרה, וואָס „פרומע יידן" פלעגן זאָגן דריי מאָל אַ טאָג. פון קיין געבעט וועגן „זעליגקייט" און עולם הבא איז דאָרט נישטאָ קיין שפור, נאָר אַלץ איין בעטן אויף ציון, ירושלים און אויף קיבוץ גלויות, וואָס קולמינירט אין אַזאַ תפילה:

„בלאָז אין דעם גרויסן שופר פאַר אונדזער באַפרייאונג
און הויב אויף דעם צייכן אייננצוזאַמלען אונדזערע גלויות
און זאַמל אונדז איין צוזאַמען פון אַלע פיר עקן פון דער ערד אין אונדזער לאַנד,
געלויבט ביסטו גאָט, דו וואָס זאַמלסט איין די צעוואָרפענע פון דיין פאָלק ישראל".

אַ פלא והפלא! בעת משה כץ נעמט אַריין דאָס אַלץ אין דער קאַטעגאָריע „רעליגיעזער ריטואַל", האָבן די באַגרינדער פון רעפאָרם־יידנטום אין דייטשלאַנד און זייערע תלמידים אין אַמעריקע עס גאָרנישט אַזוי באַגאַטעליזירט, נאָר מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט און סיסטעמאַטישקייט אויסגערייניקט דעם סידור פון יעדער שפור פון אַזאַ „ריטואַל". זיי האָבן איבערגעלאָזט נישט מער ווי די ווינציקע תפילות, וואו עס רעדט זיך וועגן „גדולת הבורא", און ווייל דאָס איז געווען צו ווייניק אויס־צופילן אַ „גאָטעס־דינסט", האָבן זיי פאַרפאַסט נייע תפילות. אין פרט פון רעאַ־ליסטישן, מאַטעריאַליסטישן פאַרשטיין די געשיכטע, האָבן די רעפאָרם־יידן ריכטיקער אינטערפרעטירט די „קראַמאָלע" פון „ריטואַל", וואָס זיי האָבן אויסגערוימט, ווי קאָלעגע משה כץ. וואָרעם דווקא פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט איז רעליגיע נישט קיין זעלבשטענדיקע שאַפונג, אָפגעריסן פון לעבן, נאָר אַן אידעאָלאָגיע, וואָס שפיגלט אָפּ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. און נאָך מער ווי די אָנמעכטיקייט פון מענטשן לגבי די כוחות פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַוועלטיקן, דריקט אויס די רעליגיע סאָציאַלע און פאָליטישע מאַכט־פאַרהעלטענישן פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט, ביי די אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער, די שטרעבונג צו סאָציאַלער און פאָליטישער באַפרייאונג — און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז, כידוע, אויך אַ דערשיינונג פון סאָציאַלער אונטערדריקונג. מ. כץ וועט מסתמא נישט איינפאַלן צו לייקענען, אַז די צוגעבונדנקייט פון די אירלענדער צו דער קאַטוילישער רעליגיע אין משך פון הונדערטער יאָרן איז געווען איינער פון די אויסדרוקן פון זייער ווילן נישט אונטערצוגעבן זיך דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. נאָר ביי יידן ווערט עפּעס צונויפגעשרומפּן אין משה כצס אויגן דער רעליגיעזער אויסדרוק פון דער בענקשאַפט נאָך נאַציאָנאַלער אויסלייזונג און שיבת־ציון צו אַ הוילן „רעליגיעזן ריטואַל"!

אויב אַפילו משה כץ פטרט אָפּ דעם גאַנצן ענין מיט „ריטואַל" פון „פרומע יידן", האָט ער געמעגט געדענקען, אַז ביז צו דער תקופה פון עמאַנציפּאַציע איז „פרומקייט" געווען דער וועלט־באַנעם פון אַלע יידן און אויך נאָך דער עמאַנציפּאַציע —

פון דעם גרעסטן רוב יידן אין דער וועלט. דווקא די אירלענדער האָבן יאָ פאַרשטאַנען, אַז די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג האָט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר געפונען ביי יידן אַ מעכטיקן אויסדרוק, הגם אין רעליגיעזער איינהילונג. אָט איז אַ פראַגמענט פון אַ דרשה, וואָס רעוורענד ב. אָ׳ריילי, איינער פון די פירער פון דער אירישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געהאַלטן אין דער קירכע סאַנט פיטער און פאָול אין ברוקלין, זונטיק, דעם 17טן מערץ, 1873 *).

„מיר איז נישט באַקאַנט אין דער כראָניק פון דעם ערד־באַלעם קיין שום געשיכטע, וואָס זאָל אַנטהאַלטן אַזויפיל און אַזעלכע דערהויבענע און רירנדיקע לעקציעס פון פאַטריאָטיזם, און פון פאַטריאָטיזם געהייליקט דורך התלהבותדיקן רעליגיעזן גלויבן, ווי די געשיכטע פון יהודה! סיי ווען מיר קוקן זיך צו צו אירע זין, וואָס קעמפן ביי זיך אין דער היים מיט די שונאים פון זייער נאַציאָנאַלן לעבן, סיי אין גלות, ׳האָפנדיק קעגן האָפענונג׳ אויף זייער ווידעראויפריכטונג אויף דער הייליקער ערד פון זייערע אָבות... און זינט די טעג, ווען זיין וועספאַזיאַן און זיין גרויסער זון האָבן אויסגעשאָכטן אויף די רויכערנדיקע חורבות פון בית־המקדש די לעצטע פאַרטיידיקער פון דער העברעאישער אמונה און נאַציאָנאַליטעט און פאַרטריבן די שוואַכע רעשטן פון יהודה אין גלות, וואָס געדויערט ביז איצט, האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אין קיין שום לאַנד קיין האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט בלוט פון אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס האָט נישט געקלאַפּט מיט דער גרעסטער ליבע צו דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים און צום ווידעראויפשטעלן פון דעם אַמאָל הערלעכן ציון. דאָס איז נאָך אַלץ די האָפענונג און דער חלום פון יעדן מאַן, פרוי און קינד ביי די צעוואָרפענע מיליאָנען פון ישראל. וואו איז נאָך דאָ עפּעס, וואָס זאָל זיך גלייכן צו דעם דאָזיקן אומאויסלעשלעכן בטחון און פאַטריאָטיזם פון דעם העברעאישן פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט? וואו, אַחוץ דעם אַנדערן שטאַם (אירלענדער. — ר. מ.), וואָס איך פאַרגלייך דאָ מיט זיי?״

אין דעם „רעליגיעזן ריטואַל״ גייען אַריין מסתמא אָן אַ שום היסטאָרישער באַדייטונג אויך די גייסטיקע שטרעמונגען פון קבלה, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן באַווירקט די ייִדישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, און חסידות, וואָס האָט אין משך פון הונדערט יאָר אין דער נייסטער צייט אויפגערודערט די ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. צי לאָזן זיך אויך אַריינקוועטשן אין „רעליגיעזן ריטואַל״ די מאַסן־אויפברויזן פון משיחישע באַוועגונגען? די משיחישע באַוועגונגען פון אבן־עיסי אין 8טן י״ה, וואָס האָט מאָביליזירט יידן פון פערסיע צום מאַרש קיין ארץ־ישראל, ביז צו דער

*) די רעדע איז איבערגעגעבן אין דער וואָכנשריפט „דזשואיש מעסענדזשער״ פון 21טן מערץ, 1873.

מעכטיקער באַוועגונג פון שבתי צבי אין 17טן י״ה און ביז צו די משיחישע שטרעמונגען ביי די תימנישע יידן אין 19טן י״ה. אפשר איז אויך דאָ נישט פאַראַן קיין „אויסדרוק פון קיין רעאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער טענדענץ״ דערפאַר, וואָס די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע פון די דאָזיקע באַוועגונגען איז געווען אַ רעליגיעזע? קאָלעגע מ. כץ האַלט מסתם אַזאַ שטעלונג פאַר אויסגעהאַלטן מאַרקסיסטיש און לייקנט אַוודאי קאָנסעקווענט יעדע סאָציאַלע באַדייטונג פון רעליגיעזע שטרעמונגען אויך ביי אַנדערע פעלקער. איז כדאַי צו ברענגען אַ ציטאַט פון לענין, וואָס ווערט לכל־הדעות באַטראַכט פאַר אַ מאַרקסיסט. אָט וואָס לענין האָט געשריבן אין אַ בריוו צו מאַקסים גאָרקי, וואו ער פאָלעמיזירט קעגן די גאָט־זוכער (בריוו פון דעצעמבער 1913): „אמת, עס איז געווען אַ צייט אין דער געשיכטע, ווען טראָץ דעם דאָזיקן מקור און דער פאַקטישער באַדייטונג פון דער גאָט־אידייע, איז דאָך דער קאַמף פון דעמאָקראַטיע און פון פראָלעטאַריאַט פאָרגעקומען אין דער פאָרם פון קאַמף פון איין רעליגיעזער אידייע קעגן דער אַנדערער. אָבער אויך יענע צייטן זיינען שוין לאַנג אַוועק״.

די געשיכטע פון סאָציאַליזם פסלט נישט די רעליגיעז־סאָציאַלע באַוועגונגען אין מיטלאַלטער ווי פאָראויסלויפער פון מאָדערנעם קאַמף פון פראָלעטאַריאַט פאַרן סאָציאַליזם. פונקט אַזוי שטערט נישט דער אוטאָפּישער כאַראַקטער פון סאָציאַליסטישע סיסטעמען, וואָס זיינען אויפגעשוואומען אין דער בייצייט, און באַזונדער אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה, אַז זיי זאָלן באַטראַכט ווערן ווי אָנזאָגער און אַדורכברעכער פון וועג פאַרן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. קאָלעגע מ. כץ איז אָבער אַזוי אויסגעהאַלטן בנוגע דעם ציוניזם, אַז נישט בלויז איז ער מבטל ווי „רעליגיעזן ריטואַל״ צוויי־טויזנט־יאָריקע בענקשאַפט פון יידישן פאָלק נאָך שיבת־ציון, צוליב איר רעליגיעזער פאָרם און באַגרינדונג; אויך פון די פאָרויסלויפער פון ציוניזם אין דער מאָדערנער צייט שפּאָט ער אָפּ, באַצייכענענדיק זייערע אידייען „פאַנטאַזיע״, „ראָמאַן״, „איינפאַל״. ווידער אַ מאָדנע קורצזיכטיקייט דווקא בנוגע דערשיינונגען אין דער יידישער געשיכטע: סען־סימאָן, פוריע און ראָבערט אָוען זיינען נישט געווען סתם קיין פאַנטאַסטן און האָבן געהאַט אַ שייכות צום סאָציאַליזם. נאָר מרדכי עמנואל נח און יצחק ליסער, עמא לאַזאַרוס און לאָרענס אָליפאַנט (אמת טאַקע אַ „נישט יידישער שרייבער און טוער״) האָבן נישט דעם זעלבן מזל און די זכיה אַנאַלאָגיש באַטראַכט צו ווערן פאַר פאָרויסלויפער פון מאָדערנעם, פאָליטישן ציוניזם. אַפילו איין און דער זעלבער דענקער משה העס דאַרף לויט דער דאָזיקער שטעלונג פאַרמשפּט ווערן צום צעהאַקן אויף צוויי העלפטן: אויך משה כץ וועט דאָך נישט לייקענען אין דער באַדייטונג פון משה העס פאַרן סאָציאַליזם, נישט בלויז ווי איינעם פון די באַגרינדער פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אויך ווי אַ פראָמינענטן פאָרשטייער פון אידעאַליסטישן „אמתן״ סאָציאַליזם. אָבער משה העסעס „רוים און ירושלים״, אינספּירירט פון נאַציאָנאַלן אויפברויז אין אייראָפּע נאָך 1848, טאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון

דער דערוואַכונג פון מאָדערנעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביים יידישן פאָלק, און אוודאי איז לעכערלעך אין מ. כצס אויגן צו זוכן אין דעם דאָזיקן ווערק אַן אָנזאָג פון דער באַוועגונג חיבת־ציון, וואָס האָט שוין אין העסעס צייטן געהאַט אויך אירע פאָרויס־לויפער אין פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַמען. ציוניזם האָט לחלוטין נישט געפונען קיין חן און גנאָד ביי מ. כץ, נישט די היינטיקע באַוועגונג, נישט אירע אָנזאָגער. קיין שפור פון היסטאָרישע טענדענצן פון יידישן פאָלק צו זיין מיט פעלקער גליך, אַ זעלבשטענדיק פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד. דער „יודענשטאַט" איז מסתמא אַרויסגעשפּרונגען ווי אַן אידייע פון קאָפּ פון דר. הערצל, ווי די געטין מינערווא פון קאָפּ פון זעאוס.

אַזוי איז משה כץ שטרענג אויסגעהאַלטן אין זיין האַס צום ציוניזם!

מ. כץ איז אין דער דאָזיקער אויפפאַסונג נישט בלויז אין סתירה לגבי אַזאַ מאַרקסיסט ווי קאַלינין, נאָר אַפילו לגבי אַן אָפיציעלער דערקלערונג פון די העכסטע אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער מאַכט, ווען עס איז על כל פנים שווער אָפּירצו־וואַרפן, אַז זיי באַנוצן זיך סתם מיט „מאַרקסיסטיש קלינגענדיקע טערמינען". אָט רעדט זיך אין דער „באַשטימונג פונעם פּרעזידיום פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פ. ס. ס. ר." פונעם 29טן אויגוסט 1936 „וועגן דער סאָוועטישער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט" (מיר ציטירן לויט דעם יידישן טעקסט פון „שטערן" פונעם 27טן סעפּטעמבער 1936):

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק האָט זיך פאַרווירקלעכט זיין הייסער ווּאונטש וועגן שאַפן אַן אייגן היימלאַנד, וועגן שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשקייט".

די דאָזיקע ווערטער זיינען טאַקע געחתמעט דורך קאַלינין, אָבער נישט ווי זיינס אַ פּערזענלעכע דערקלערונג, נאָר ווי אַ פעסטשטעלונג אין אַ דעקרעט, וואָס ער פאַר־עפנטלעכט ווי דער פּרעזידענט פון סאָוועטנפאַרבאַנד. מיטגעחתמעט איז „דער סע־קרעטאַר פונעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד", אי. אַקולאָוו. דער „יודענשטאַט" איז בכן, לויט דער דאָזיקער אָפיציעלער פעסטשטעלונג, נישט קיין נייער ענין, נאָר די פאַרווירקלעכונג פון דער היסטאָרישער טענדענץ, פון דעם הייסן וואונטש פון יידישן פאָלק אין משך פון זיין געשיכטע. עס איז נישט וויכטיק אין דעם פאַל, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן שטרעבן האָבן די פירער פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין יאָר 1936 נאָך אַלץ געזוכן אין בירא־בידזשאַן. דער עיקר איז, אַז זיי האָבן פעסט־געשטעלט אַזאַ היסטאָריש שטרעבן פון יידישן פאָלק צו אַן אייגענעם היימלאַנד און מלוכה ווי אַ פאַקט, נישט קיין „פאַנטאַזיע", „ראָמאַן" א. אַז. וו. אָן אַ ספק האָבן דערביי די מחברים פון דעקרעט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דאָס דאָזיקע היסטאָרישע

שטרעבן צו אַן אייגענעם היימלאַנד און מלוכה, איז נישט געווען לכתחילה געצילט צו בירא־בידזשאַן, וואָרעם אַפילו דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן לאַנד האָבן יידן געהערט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1928. משמעות, אַז אין דער בענקשאַפט פון יידן נאָך ציון האָבן די אָנפירער פון סאָוועטנפאַרבאַנד אינגאַנצן להיפוך צו משה כץ, געזען נישט סתם אַ „רעליגיעזן ריטואַל", נאָר דעם אויסדרוק פון דעם „הייסן וואונטש" וועגן שאַפן אַן אייגן היימלאַנד.

אָבער משה כץ פאַרזעט עקשנותדיק דאָס אַלץ.

ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד נישט געבליבן שטיין ביי דער דאָזיקער אינטערפּרעטאַציע פון דער „שיבת־ציון"־טענדענץ, ווי אַ שטרעבונג צו אַ היימלאַנד סתם. ס'איז אַדורך נישט מער ווי איין צענדליק יאָר און די אָפיציעלע פאַרשטייער פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן קאָנקרעטיזירט די אינטערפּרעטאַציע פון דער דאָזיקער שטרעבונג און מודה געווען, אָן באַוואָרענישן, אַז די היסטאָרישע שטרעבונג פון יידן איז געווען געווענדעט דווקא אין דער ריכטונג פון זייער אייגענעם אַלטן היימלאַנד, ארץ־ישראל.

אָבער לאָמיר טאַקע הערן, וואָס אונדזער פּאָלעמיסט האָט צו זאָגן וועגן דעם (אין זיין פּאָלעמישן ענטפער צו מיר), — ווידער אין פולשטענדיקן היפוך צו דער אָפיציעלער סאָוועטישער דערקלערונג.

6.

„אַ היסטאָרישע קאָניונקטור", אָדער קאָניונקטור־אינטערפּרעטאַציע פון געשיכטע

די וואונדערלעכע ניכטערקייט, מיט וועלכער משה כץ פּטרט לייכט אָפּ אַלע לעבנס־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק, באַדנלאָזיקייט און אויסטערלישע ליידן, אַסימי־לאַציע און באַדראָאונג פון נאַציאָנאַלן קיום, דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין לעצטן אָפּשניט פון זיין פּאָלעמיק, וואו ער שטרענגט זיך אָן אויפצוקלערן די סיבות פון אויפקום פון דער יידישער מדינה. נישט קיין שום טענדענץ אין דער יידישער געשיכטע בכלל און אַפילו נישט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער שטורמיקער לעצטער עפּאָכע האָט דערפירט צו דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, נאָר „אַ היסטאָרישע קאָניונקטור" (אונטערשטראָכן דורך — מ. כץ), די פּאָליטישע באַדינ־גונגען פון אַ קורצער הפסקה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די „קאַלטע מלחמה". מען קאָן עס אַפילו נישט פאַרגלייכן מיט אַ גע־ווינס אויף דער לאָטעריע, וואָרעם לויט מ. כצס אָפּשאַצונג איז עס גאָר נישט קיין

געווינס. אויב עס איז בכלל געווען דערביי עפּעס אַ היסטאָרישע טענדענץ, קלערט אויף מ. כץ, האָט עס געקאָנט זיין נאָר איין טענדענץ, „די טענדענץ פון צוזאַמענברוך פון דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט".

דאָס גאָר!

מילא, אויב משה כץ קאָן ביי זיך אין האַרצן פּועלן אַזאַ מין באַציאונג לגבי דעם גרעסטן היסטאָרישן מאָמענט אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, דער גרעסטער דערהויבונג נאָך דער לאַנגער גלות־עפּאָכע, זאָל עס אים וואויל באַקומען. אָבער דער בוכהאַלטערישער חשבון שטימט נישט. עפּעס איז דאָ פּאַרט אויסגעלאָזט געוואָרן, אַפילו בלויז אַזאַ קלייניקייט, ווי דאָס יידישע פאָלק גופא. עפּעס איז דאָך פאָרגעקומען אין יידישן פאָלק און אין ארץ־ישראל ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה. פריינד מ. כץ אַליין קאָן נישט אויסמיידן צו דערמאָנען, הגם בלויז דרך־אַגב, אין שייכות מיט דעם סאָוועטישן פאָרשלאָג אין דער יו.־ען. „דעם העלדישן קאַמף, וואָס דער קליינער פּאַלעסטינער ישוב האָט געפירט קעגן די ענגלישע אָקופּאַנטן". פון וואַנען האָט זיך גענומען דער ישוב, וואָס האָט געפירט דעם העלדישן קאַמף? ווי אַזוי איז ער געקומען קיין „פּאַלעסטינע"? ווייזט אויס, עפּעס אַ מאָדנעם כוח האָבן פאַרמאָגט די „נאַציאָנאַליסטישע סענטימענטן", אויב זיי האָבן אָן אַ שום היסטאָרישער טענדענץ, נאָך מער, אין סתירה צו יעדער היסטאָ־רישער טענדענץ, אין דער יידישער געשיכטע, אויפגעשטעלט אַ ישוב, טאַקע אַ קליינעם, נישט מער, ווי סך־הכל 600 טויזנט נפשות, אָבער גענוג גרויס, כדי צו פירן אַ העלדישן קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט?

מ. כץ וויל זיך אָבער נישט אַריינלאָזן אין אַזעלכע קלייניקייטן, ווי בילו, צווייטע עליה, חלוצים, אויסטריקענען זומפּן, באַוואַסערן זאַמדן, מסירת־נפשדיקער אויפבוי פון לאַנד ביי שטענדיקער פאַרטיידיקונג קעגן אַראַבישע פּאָגראָמשטשיקעס, געהעצטע פון אָקופּאַנטישן פאַרראַט, דאָס אַלץ האָט טאַקע נישט קיין ווערט ביי קאָלעגע מ. כץ אַפילו פון אַן עפּיזאָד, וואָס מען דאַרף דערמאָנען. אָבער העלדישער קאַמף איז יאָ געווען, על־כל־פּנים אַזאַ, וואָס האָט אַרויסגערופן די סימפּאַטיע פון דער סאָוועטישער דעלע־גאַציע. מיט וואָס איז עפּעס דער העלדישער קאַמף פון יידן אין ארץ־ישראל אַזוי זינגדיק לגבי דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אַנדערע פעלקער אין דער וועלט? פאַרוואָס איז די אומפאַהעניקייט פון בעלגיע, איטאַליע, אונגאַרן, און אין דער נייסטער צייט אירלאַנד, פּוילן, יאָ געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם קאַמף פון זייערע פעלקער קעגן די אונטערדריקער, נאָר ביי יידן איז עס געווען נישט מער ווי אַ „היסטאָרישע קאָניונקטור"? די זיגרייכע אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז, אַ קיימא לן, אַפילו לויטן אַנאַליז פון לענין פאָרגעקומען אין די באַדינגונגען פון אַ גוטער קאָניונק־טור: שענדלעכער צוזאַמענברוך פון צאַריזם, מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי, מורא־

דיקער עקאָנאָמישער קריזיס, אימפּעריאַליסטישע וועלט־מלחמה, א. אַז. וו.. צי וואָלט אָבער דערפאַר די באַצייכענונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע ווי אַ רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישער קאָניונקטור געווען עפּעס אַנדערש ווי אַן אומדערוואַרטעטער חילול השם לגבי די העלדישע קעמפער פון אָקטאָבער און אַן אומווירדיקע פאַרפעלשונג פון היסטאָרישן אמת, שוין אָפּגערעדט פון דער פאַרטונקלונג פון געזעצמעסיקן גאַנג פון דער געשיכטע? וואו האָט זיך מ. כץ גענומען די ווּיסנשאַפטלעכע איבערצייגונג, אויסצוטייטשן די יידישע נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע ווי אַ היסטאָרישע קאָניונקטור און נישט מער? כדי אַרויסצופירן פון יעדן טעות האַלט מ. כץ פאַר נויטיק צוויי מאָל צו באַטאָנען, וואָס עס הייסט היסטאָרישע קאָניונקטור: „אַזאַ היסטאָרישע קאָניונקטור האָט ניט פּאַסירט קיינמאָל פריער, און זי האָט געהאַט ווייניק אויסזיכטן איבערצוחזרן זיך אַ צווייט מאָל“.

ווי האָט געזאָגט דער אונדז שוין באַקאַנטער ייד פונעם גובערנאַטאָר: „עס איז דאָ אַ זאַקאָן“...

צווישן די באַדינגונגען פון דער איינמאָליקער קאָניונקטור דערמאָנט קאָלעגע מ. כץ אויך דעם פאָרשלאַג פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע אין דער יו.־ען. מילא, אויב דאָס הייסט אויך קאָניונקטור, איז עס אַ נייע אויסברייטערונג פון באַגריף. די מאָטיוון פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע גיט אָבער איבער קאָלעגע מ. כץ, צו אונדזער גרויס באַדויערן און צום שאָדן פון דער אויפקלערונג פון דעם לייענער, בלויז טיילווייז, נישט אַלע מאָטיוון און נישט די וויכטיקסטע: ער דערמאָנט בלויז „דאָס מיטגעפיל, וואָס די אויסגעבלוטיקטע יידישע מאַסן האָבן אַרויסגערופן צו זיך“ (אַגב, ווען און וואו אויסגעבלוטיקט, אַז די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן ווערט בכלל אין מ. כצס אַרטיקל נישט דערמאָנט?). און „סימפּאַטיע צום העלדישן קאַמף“. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די סאָוועטישע דעלעגאַציע האָט באַגרינדעט איר שטיצע פאַר אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל נישט בלויז מיט געפילן פון סימפּאַטיע, נאָר האָט בפירוש אַרויסגעזאָגט מאָטיוון פון אַ היסטאָרישער באַדייטונג, וואָס האָבן גאָר נישט קיין שייכות מיט צייטווייליקער קאָניונקטור.

אויף דער זיצונג פון דער פּלענאַר־פאַרזאַמלונג פון יו.־ען., דעם 14טן מאַי 1947, האָט דער סאָוועטישער דעלעגאַט א. גראָמיקאָ אַזוי אָנגעהויבן זיין דערקלערונג וועגן די פליכטן פון דער וועלט לגבי דעם יידישן פאָלק: „עס איז באַקאַנט, אַז די טיפע פאַרלאַנגען פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק זיינען פאַרבונדן מיט פּאַלעסטינע*) און מיט דער פראַגע פון איר (פּאָליטישן) סדר אין דער צוקונפט. די דאָזיקע הנחה דאַרף כמעט נישט קיין שום באַווייז בכלל...“ און ווייטער, אין משך פון דער רעדע, האָט

*) אַלע אונטערשטרייכונגען אין טעקסט פון די דעקלאַראַציעס, זיינען געמאַכט פון מיר. — ר. מ.

ער באַגרינדעט די צעטיילונג פון ארץ־ישראל אויף צוויי מדינות, אַז אַראַבישע און אַ יידישע, אַזוי: „מען דאַרף אין אַכט נעמען דעם אומבאַשטרייטבאַרן פאַקט, אַז די באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע איז צוזאַמענגעזעצט פון צוויי פעלקער, אַראַבער און יידן, און ביידע האָבן היסטאָרישע וואָרצלען אין דעם דאָזיקן לאַנד״. אויף דער זיצונג פון 26טן נאָוועמבער 1947, האָט גראָמיקאָ דערקלערט: „די פאַרשטייער פון די אַראַבישע מדינות ווייזן אָן, אַז די צעטיילונג פון פּאַלעסטינע איז מכלומרשט אַ היסטאָריש אומרעכט. אָבער אויף אַזאַ שטאַנדפונקט קאָן מען ניט מסכים זיין, און נישט בלויז צוליב דעם טעם אַליין, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געווען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל אין משך פון אַ לאַנגער היסטאָרישער תקופה. אַחוץ דעם טאָרן מיר נישט אַרויסלאָזן פון אויג... די לאַגע פון יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך געשאַפן ווי אַ רעזולטאַט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה״...

אויך דאָס איז אומבאַקאַנט מ. כצן?

נאָך אויסדריקלעכער האָט גראָמיקאָ זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער היסטאָרישער פאַרבינדונג פון יידישן פאָלק מיט ארץ־ישראל אויף דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער יז.־ען. דעם 20טן אַפּריל 1948: נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעוויזן, אַז די שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אַנטשפּרעכט די בעסטע אינטערעסן פון ביידע פעלקער אין ארץ־ישראל, יידן און אַראַבער, האָט ער צוגעגעבן: „אַזאַ לייזונג פון דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון פּאַלעסטינע אַנטשפּרעכט אויך די געזעצלעכע שטרע־בונגען פון יידישן פאָלק, וואָס זיינען געווענדט צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע מדינה אין פּאַלעסטינע, דעם לאַנד, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז מיט אים פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקן בונד זינט אַלטע צייטן״.

מ. כץ פאַרשווייגט דווקא די דאָזיקע פעסטשטעלונגען אין די דעקלאַראַציעס פון גראָמיקאָ. מסתם האַלט ער זיי אויך פאַר אַ פשוטער „קאָניונקטור״, ווארעם אויב נישט, וואָלט ער געוועזן באַדאַרפט ווענדן זיין פּאָלעמיק קעגן גראָמיקאָ און נישט קעגן מיר, ווי דעם מחבר פון דער אָפּהאַנדלונג „הויפּט־טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע״.

דער לעצטער אַרגומענט פון קאָלעגע מ. כץ, וואָס דאַרף באַווייזן, אַז מדינת־ישראל איז אַ קאָניונקטור און האָט נישט צו טאָן מיט „קיין שום טענדענצן״, איז אַ וויר־דיקע קרוינונג פון די אַלע „וויסנשאַפטלעכע״ אַרגומענטן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין פּאָלעמיק. צי איז נויטיק נאָך אַ באַווייז, פרעגט ער, אויב מיר זעען, אַז „די ציוניסטן באַזונדערס אין די אַמעריקאַנער לענדער, ווילן נישט וויסן פון קיין שום טענדענצן און אָנשטאָט אַליין אויסצואַוואַנדערן קיין ישראל, אָדער צו שיקן אַהין זייערע קינדער, באַגרענעצן זיי זיך בלויז מיט שיקן אַהין געלט״. נישט אַנדערש, נאָר מ. כץ האַלט, אַז קיין שום היסטאָרישע טענדענצן אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם

זיינען נישטאָ, על כל פנים נישט אין אַמעריקע. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אין די זעלבע אַמעריקאַנער לענדער ווילן נישט וויסן פון קיין שום „טענדענצן" צום סאָציאַליזם, נישט נאָר די פירער פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר דער גרעסטער רוב פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט גופא. נאָך מער, להיפוך צו דער הילף פון ציוניסטן פאַר מדינת־ישראל, שטיצן זיי נישט מיט קיין גראָשן געלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, פאַרקערט, זיי באַקעמפן די אידייע פון סאָציאַליזם און די סאָציאַליסטישע לענדער מיט אַלע מיטלען און כוחות, וואָס זיי פאַרמאָגן. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין טענדענצן אין דער געשיכטע, דאַן איז באמת מיין אָפּהאַנדלונג וועגן „הויפּט־טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע" איין גרויסער טעות...

ממילא איז שוין איבעריק זיך אָפּצושטעלן אויף משה כצס פּאָליטישע אויס־פירן: קיבוץ גלויות איז נישט מער ווי אַ לאָזונג אין די אינטערעסן פון „דער נייער יידישער בורזשואַזיע, וואָס הערשט איצט איבער ישראל". אויב מדינת־ישראל איז טאַקע נישט מער ווי אַ זאַך פון קאָניונקטור, און אַזאַ קאָניונקטור, וואָס האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר דעם יידישן פאָלק, איז מ. כץ אויך נישט פאַראינטערעסירט, אַז די דאָזיקע מדינה זאָל געשטאַרקט ווערן „מאַטעריעל און מיליטעריש". ווי מ. כץ באַווייקט אונדז אויפצוקלערן, איז אין אַזאַ פאַרשטאַרקונג בפירוש פאַראינטערעסירט בלויז בן־גוריון און די נייע יידישע בורזשואַזיע. יעדע אַנדערע מדינה האָט יאָ אַ רעכט אויף שטאַרקונג, ווייל זי איז אויפגעקומען לעגיטים, ווי אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־טענדענצן, נאָר נישט די מדינה פון יידישן פאָלק, אַ קאָניונקטור־מדינה, אַ מדינה, וואו די קאָניונקטור האָט בלויז איינמאָל צוגעשפּילט די ציוניסטן. דער דיבוק פון בונדישער שנאת־ציון פון פאַר־פופציק יאָר באַווייזט זיך ווידער אין זיין גאַנצן טעם און חן ביי משה כצן אין אַ זייער פאַרשטאַרק־טער פאָרם.

דער זינען פון מיין טעאָרעטישער אָפּהאַנדלונג וועגן הויפּט־טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע, איז אויך אַ בפירוש פּאָליטישער — האַלט משה כץ פאַר נויטיק צו וואָרענען די לייענער: עס איז נישט מער ווי אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר דער היינטיקער רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט אין ארץ־ישראל. אין תוך וואָלט איך לויט דער זעלבער לאָגיק און לויט דער זעלבער נייסטער שיטה פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם געקאָנט קומען צו די לייענער און דערקלערן:

דער זינען פון משה כצס לייקענען שטיין אוןביין וועלכע עס איז היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע פאַרבינדונג פון יידישן פאָלק מיט מדינת־ישראל, פון זיין דעגראַדירן ארץ־ישראל צו דער שפלער מדרגה פון אַ קאָניונקטור־ענין; זיין סאַטיספאַקציע, וואָס עס גייט איצט אַ שוואַכע עליה, אַזאַ, וואָס איז נישט גענוג צו שטאַרקן די יידישע

מדינה — דער זינען דערפון איז „שאַפן אַ מין טעאָרעטישע באַגרינדונג" (מ. כצס אויסדרוק) פאַר די פעאָדאַל־רעאַקציאָנערע אַראַבישע מלוכות, וואָס קוקן נאָר אַרויס אויף דעם מאָמענט, כדי די אויסגעבענקטע, מיט שווייס פון זייערע בעסטע זין און טעכטער באַנעצטע, און מיט זייער בלוט אויסגעקעמפטע מדינה פון יידישן פאָלק צו פאַרפלייצן אין אַ בלוט־באָד לויטן מוסטער פון דער היטלעריסטישער פאַרטיליקונג פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק. אָבער משה כץ וועט מיך אין קיין פאַל נישט אַראָפפירן פון וועג פון עלעמענטאַרע פרינציפן פון פאָלעמיק, פונקט ווי ער וועט, ווי איך האָף, נישט פאַרטוישן די היסטאָרישע שיטה, וועלכע קאַלינין און גראָמיקאָ האָבן אָנגעווענדט אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע, אויף זיין שפּאָגל־נייער אָריגינעלער שיטה פון קאָניונקטור־טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע, טענדענצן פון נאַציאָנאַלן גליק און אויפשטייג פון יידישן פאָלק, זיינען שטאַרקער ווי סברות פון טעאָרעטיקער, וואָס קלאַמערן זיך עקשנותדיק אין זייער דאָקטרינעריזם אָן אָפגעשטאַנענע, אויסגעהוילטע דאָגמעס.

די דאָזיקע אָביעקטיווע היסטאָרישע טענדענצן האָבן שוין לאַנג אויסגעקערט אין מוזיי פון היסטאָרישן אַלטוואַרג דעם אַלטן „בונד" מיט זיין פאַרביסענער שנאת־ציון.

די זעלבע טענדענצן גייען שוין היינט אַריבער צו דער טאָג־אָרדענונג איבער אַזעלכע אַלטע סברות אין נייער באַפּוצונג, וואָס טייטשן יידישע געשיכטע און לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען פון יידישן היינט מיט מאָמענטאַנער פּאָליטישער קאָניונקטור...

יאָ, משה כצס אַלטע סברות און פאַלשע באַהויפּטונגען זיינען אין תוך נישט מער ווי די אַלט־אַלטע בונדישע אידעאָלאָגיע אין אַ נייער אויפלאַגע!

ר פ א ל מ א ה ל ע ר איז געבוירן דעם 15טן אויגוסט 1899 אין נייסאנץ, גאַליציע. ביז 15 יאָר געלערנט אין אַ ישיבה אין זיין געבוירן-שטאָט. אין 1918 געענדיקט גימנאַזיע אין קראָקע. שטודירט אין ווינער אוניווערסיטעט היסטאָריע און פילאָסאָפיע, און אין 1920 באַקומען זיין דאָקטאָראַט פאַר דער דיסערטאַציע „דאָס פּראָבלעם פון געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס אין דער נייער סאָציאָלאָגיע".

געקומען קיין פוילן אין 1922, איז ער געווען געשיכטע-לערער לכתחילה אין לאָדז און דערנאָך אין וואַרשע, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק און פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. פון זיינע יונגע יאָרן האָט ער געהערט צו די לינקע פועלי-ציון, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „אַרבעטער-צייטונג", „פריע יוגנט" און אין די „ליטעראַרישע בלעטער". געווען טעטיק צווישן דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט אין פוילן, זיך באַטייליקט אין ייוואָ ווי אַ מיטגליד פון דער היסטאָרישער סעקציע. סוף 1937 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. געווען לערער אין פאַרשיידענע סעמינאַרן און הייך-קורסן. זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם „קאָמיטעט פון יידישע שרייבער" און באַזונדערס — אין איקוף, געווען מיטגליד פון פּרע-זידיום און רעדאַקציע-מיטגליד פון „יידישע קולטור", וואו פאַרעפנטלעכט וויכטיקע געשיכט-לעכע אַרבעטן. זיינע פאָרשונגען און אָפּהאַנדלונגען זיינען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן אין יידיש, פויליש, העברעאיש, ענגליש. זינט עטלעכע יאָר לעבט ער אין ישראל, אין ירושלים, וואו ער זעצט פאָר צו שרייבן זיין „גייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק" אין יידיש און העברעאיש. אין ישראל זיינען שוין דערשינען צוויי בענד פון דער געשיכטע, אין יידיש דערשיינט בקרוב אינעם איקוף-פאַרלאַג, נ. י., דער ערשטער באַנד.

דר. ר. מאהלער איז אַ מיטגליד פונעם סעקרעטאַריאַט פון „וועלט-פאַרבאַנד פון די מפ"ם-פּאַרטייען („מפ"ם", „לינקע פועלי-ציון", „השומר הצעיר")", וואָס איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן אין ישראל.

צווישן פיל אַנדערע ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, זיינען פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע ווערק פון דר. ר. מאהלער:

דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע, אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י"ה. ייוואָ, 1942, 256 זז..

קאַראַימער — אַ יידישע גאולה-באַוועגונג אין מיטלאַלטער, פ' א. שולמאַן, ניו-יאָרק, 1947, 476 זז..

תולדות היהודים בפולין (עד המאה ה' 19), כלכלה, חברה, המצב המשפטי, (איבערגעזעצט פון יידישן כתב-יד), מרחביה, ישראל, 1946, 504 זז..

דברי ימי ישראל, דורות אחרונים, משלהי המאה המשמונה עשרה עד ימינו, (איבערגעזעצט פון יידישן כתב-יד), ספר ראשון, מרחביה, ישראל, 1952, 320 זז..

פרייז 35 סענט

FRIENDS OF PROGRESSIVE ISRAEL IN AMERICA
38 West 88th Street, New York, N. Y.

166